**גוט שבת אלע אידן.** פראפעסאר גלעזער איז געווען אן עלטערער רוסישער איד וואס איז אנגעקומען קיין אמעריקע אין תשנ"א. אין רוסלאנד האט ער געהאלטן א חשובע שטעלע אלס פרינציפאל פון א פאבליק סקול מיט איבער צוויי טויזענט סטודענטען. אבער, ווען פראפעסאר גלעזער איז געקומען קיין אמעריקע, האט ער נישט געקענט טרעפן קיין ארבעט וויל ביי אנהייב, האט ער נישט געקענט קיין ענגליש. באין ברירה האט ער געטראפן א דזשאב אלס ארבעטער אין דעם אפעס פון א ישיבה פאר רוסישע אידן. די ישיבה האט זייער מכבד געווען דעם פראפעסאר. אפילו ער האט נישט געהאלטן אזא בכבודיגע דזשאב יעצט, האבן זיי אים געמאכט שפירן אז ער איז נאכאלץ דער פרינציפאל.

פראפעסאר גלעזער איז געווארן גאר נאנט צו די רביים פון דער ישיבה, בפרט צו איינער פון די רביים, ר' דוב גאלדבערג (נישט זיין עכטע נאמען). איין טאג, האט ר' דוב באמערקט אז פראפעסאר גלעזער איז נישט געקומען צום ארבעט שוין אפאר טעג. ר' גאלדבערג איז געווארן באזארגט וועגן דעם עלטערען איד. ער האט זיך נאכגעפרעגט וועגן אים און זיי האבן אים געזאגט אז ער איז טאקע אין שפיטאל, וויבל ער האט געהאט אן אפעראציע אפאר טעג פריער.

ר' גאלדבערג האט גלייך גערופן דעם שפיטאל. פראפעסאר גלעזער האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן אין זיין צימער און ער האט אנגעהויבן צו רעדן שנעל, האלב ענגליש האלב רוסיש. ר' גאלדבערג האט נישט פארשטאנען אלעס וואס פראפעסאר גלעזער האט גערעדט, וויל דער עלטערער איד איז געווען אזוי נתרגש געווארן.

ב"ה אז די אפעראציע האט מצליח געווען און פראפעסאר גלעזער איז צוריקגעקומען צום ארבעט שוין דעם נעקסטען וואך. ווען ר' גאלדבערג האט ערשט געזען פראפעסאר גלעזער האט ער אים געבעטן אז ער זאל אים מסביר זיין פונקליך וואס ער האט געוואלט זאגן דעמאלט אויפן טעלעפאן. דאן האט פראפעסאר גלעזער אנגעהויבן צו דערציילן זיין מורא'דיגען מעשה.

ווען פראפעסאר גלעזער איז געווען א יונגעל, האט ער געוואוינט מיט זיין טאטען און מאמען אין סלוצק, ליטע. צווישן די אידן וואס האבן געוואוינט אין שטאט איז געווען א היוכער איד וואס האט געהייסן ר' לייבל. ר' לייבל איז באקאנט געווארן פאר דעם חוש וואס ער האט געהאט צו קענען וויסן דעם מעשים פון מענטשן. וועגן דעם האט מען אים גערופן ר' לייבל "דער טרעפער," וויל ער האט געקענט טרעפן, ד"ה וויסן אלעס וועגן יעדעם. למשל, ער פלעגט טרעפן א יונגל אויפן גאס און ער פלעגט אים זאגן, "היינט ביסטו גוט געווען אין חדר... אבער נעכטן ביסטו נישט..." ווען ער האט געטראפן א פרעמדען מענטש, האט ער גלייך געוואוסט וואס זיין פרנסה איז און אסאך מאל האט ער אפילו געוואוסט זיין נאמען. הפלא ופלא! אפילו די גוים אין דעם שטאט האבן געוואוסט פון ר' לייבל'ס כשרונות און זיי האבן אים אויך זייער מכבד געווען.

פראפעסאר גלעזער'ס טאטע איז געווען נאנט מיט ר' לייבל. ווען די קאמוניסטען ימ"ש האבן גענומען קאנטראל אין רוסלאנד, האבן זיי גערודפט ר' לייבל צוליב זיין חשיבות. אפילו אזוי, האט מר. גלעזער נאכאלץ אסאך מאל אריינגענומען ר' לייבל אין שטוב. אין די קאלטע ווינטער טעג האט ער צוגעשטעלט האלץ אומזיסט כדי ר' לייבל מיט זיין בני בית זאלן קענען בלייבן ווארעם.

ווען די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך אנגעהויבן, האבן אסאך אידן מורא געהאט פון די דייטשע מיליטער וואס האט שנעל דערנענטערט צו זייער געגענט. אנדערע האבן נישט געגלייבט די ראפורט וועגן די דייטשע אכזריותדיגע רדיפות מיט הריגות. אסאך אידן האבן געדענקט זייער עקספיריענס מיט די דייטשע אין ערשטע וועלט מלחמה, ווען די דייטשע האבן דעמאלט זייער פיין געהאנדעלט מיט די אידן אין רוסלאנד.

א חלק פון מר. גלעזער'ס האלץ געשעפט איז געווען פארקויפן פערד אויך. ער האט געהאלטן פיר הונדערט פערד. ווען די דייטשע זענען געווען ממש נאנט צום שטאט, האט פראפעסאר גלעזער'ס טאטע געוואוסט אז מיט די פערד קענען אסאך מענטשן אנטלויפן. זאלן זיי בלייבן אדער אנטלויפן? נאר איין מענטש האט מען געקענט פרעגן: ר' לייבל דער טרעפער.

ר' לייבל האט געזאגט צו מר. גלעזער אז יעדער איינער וואס וועט בלייבן וועט געהרגעט ווערן, רח"ל. "נוץ די פערד... געב איין פערד צו יעדער משפחה צו קענען אנטלויפן. דו אויך זאלסט נעמען דיין משפחה און אנטלויפן. די דייטשע גיין דיך נאכלויפן, אבער איר מוזט פרובירן און דער אייבערשטער וועט העלפן."

מר. גלעזער האט גלייך געשיקט זיין משפחה צו דעם דרום זייט פון רוסלאנד נעבען טאשקענט און זיי האבן ב"ה דורכגעלעבט די מלחמה. מר. גלעזער אליינס איז אריינגעגאנגען אין רוסישען מיליטער און ער איז אויך ב"ה געראטעוועט געווארן פון דעם קריג. ר' לייבל האט נישט פרובירט צו אנטלויפן, וויל זיין פרוי איז געווען נישט געזונט און זי האט נישט געקענט אויפשטיין פון בעט, און ער האט איר נישט געוואלט פארלאזן.

ווען די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אריינגעקומען אין שטאט, האט דער הויפט אפיציר געהערט וועגן ר' לייבל און ער האט אים גערופן צו קומען צו אים. דער ווילדער דייטשער ימ"ש האט געפרעגט ר' לייבל ווער וועט געווינען דער קריג. "איר זענט א פאלק וואס הרגעט," האט ר' לייבל אנגעהויבן צו זאגן אין זיין פנים אריין. "אבער... איר גייט באזיגט ווערן..." א שטיק צייט שפעטער זענען אלע די פינף טויזענט נפשות וואס זענען געבליבן אין סלוצק אומגעקומען עק"ה אין איין טאג, הי"ד. ליידער איז ר' לייבל געווען איינער פון זיי.

דאס אלעס האט פאסירט בערך פופציג יאר פאר פראפעסאר גלעזער איז אנגעקומען קיין אמעריקע. ער האט שוין לאנג נישט געטראכט וועגן ר' לייבל הי"ד. אבער, די נאכט פאר זיין אפעראציע, איז ר' לייבל געקומען צו אים אין חלום.

"צו דען ווייסטו נישט אז איך האב אן אפעראציע מארגן?" האט ער געפרעגט ר' לייבל אין חלום. "יא. זארג דיך נישט, אלעס וועט זיין גוט." האט ר' לייבל געזאגט.

ר' לייבל'ס ווערטער האבן בארוהיגט פראפעסאר גלעזער און עס האט אים זייער שטארק מחזק געווען און אים דערמעגליכט צו קענען דורכגיין די שווערע תקופה. עס איז קלאר געווען צו פראפעסאר גלעזער אז ר' לייבל האט געוואלט צוריקבאצאלן דעם חסד וואס פראפעסאר גלעזער'ס טאטע האט אים געגעבן ווען ער האט עס געדארפט צוליב זיין ארעמקייט.

מיר אידן זענען נישט אזוי ווי די אנדערע פעלקער. דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער צו מקיים זיין די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די וואך, "...ובך בחר ה' להיות לו לעם סגלה מכל העמים..." לאמיר אלע געדענקען כסדר אז מיר זענען דער עם סגולה, און דורך דעם קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו דינען דעם אייבערשטען מיט אן אמתע שמחה.

אויב מיר רעדן שוין וועגן זיין דער "עם סגולה", איז לאמיר אביסל רעדן פון דער זכיה וואס מיר אידן האבן צו קענען דאווענען בציבור. דער אייבערשטער איז דער קעניג פונעם וועלט. אזוי ווי א קעניג וואס איז א "בשר ודם" איז קובע יעדען טאג א באשטימטע צייט צו בעטן פון אים ביים פאלאץ, אזוי אויך איז דער אייבערשטער קובע א צייט צו בעטן פון אים יעדען טאג, ד"ה תפילה בציבור. א איד קען אייביג רעדען מיטן באשעפער ווען ער וויל, דורכן גאנצען טאג. אבער די חכמים זאגן אז די תפילה בציבור ווערט אייביג אנגענומען אין הימעל. וועגן דעם מוז מען טון אלעס וואס איז שייך צו קומען באצייטענס צו דער תפילה, ווען די טויערן פונעם קעניג'ס פאלאץ זענען נאך אפען. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר ישראל משה דירנפעלד שליט"א לרגל שמחת אירוסי בנו יהושע נ"י בשעטומ"צ
נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)
נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!